# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**



גערשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס ווערט בס"ד ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון מ"ז | בשלח - יתרו תש"פ

ספעציעלע סעריע לקראת ימי השובבי"ם

# וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם

## דער הלכה'דיגער חיוב פון שמירת עינים — ב'

פרק ב': מיר וועט דאס נישט שאטן | שאדט דאס טאקע נישט? | אפילו א "קאלטע ראיה" ווערט טיף איינגעקריצט | די איינרעדעניש פונעם יצר הרע | סך הכל להלכה

*אינעם פריערדיגן גליון האבן מיר געשריבן איבער דעם הלכה'דיגן חיוב מעיקר הדין וואס איז דא אין שמירת עינים און פארשידענע פרטי הלכה וואס זענען שטארק אקטועל. אצינד וועלן מיר ממשיך זיין מיט דעם וואס געוויסע מענטשן קלערן ביי זיך אז שמירת עינים איז זיי נישט נוגע, וויבאלד זיי שפירן אז ס'מאכט נישט אויף זיי קיין שום רושם.*

***

## מיר וועט דאס נישט שאטן

א באזונדערער יצר הרע איז דא אפצוקילן דעם מענטש מיט דער מחשבה אז אים וועט עס נישט שאטן. איך בין א קאלטער מענטש, טראכט ער ביי זיך, איך זע דאך קלאר אז ס'ברענגט מיר נישט קיין שום שלעכטס, ס'רוקט מיך נישט פון פלאץ, וואס פעלט אויס איך זאל מיך אזוי שטארק היטן די אויגן? מילא ווען ס'קומט צו פריצות'דיגע זאכן, דארף ער זיך טאקע אכטונג געבן, אבער סתם ביים גיין אין גאס אדער אין געשעפט, קוקן פשוט'ע בילדער, וכדומה זאכן פונעם טאג טעגליכן לעבן, דאס איז ביי אים נישט אזא פראבלעם.

אוודאי ווייסט ער אז שמירת עינים איז א הלכה אין שולחן ערוך, ער ווייסט ווי שטארק די ספרי מוסר רעדן ארום איבער'ן חומר הענין דערפון. אבער ער קלערט אז דאס אלעס איז נאר נוגע פאר מענטשן מיט אן אנדערער נאטור ווי אים, אדער פאר אזעלכע וואס האבן נישט אזא פארנומענעם סדר היום ווי ער האט. אבער ביי אים זעט ער דאך קלאר אז ס'ברענגט אים נישט קיין שום התפעלות, דארף ער זיך דעריבער נישט אזוי שטארק היטן.

די פוסקים הייבן אבער ארויס[א] אז באמת איז אזא געדאנקענגאנג נישט ריכטיג, ווייל להלכה איז הסתכלות אסור אפילו ווען מ'שפירט ביי זיך אז ס'וועט גארנישט שאטן. אזוי ווי דער **דרך פקודיך** שרייבט ביי דעם (ל"ת לה): "**ואפילו אדם היודע בעצמו שלא יתפעל על ידי ההסתכלות, כי בין כך ובין כך עבר על דברי תורה ועל דברי חז"ל בזה**", דער איסור איז אפילו ביי א מענטש וואס ער ווייסט ביי זיך אז ער וועט בכלל נישט נתפעל ווערן דורכ'ן קוקן, ווייל מיט יעדער ראיה איז ער עובר אויף א לאו אין דער תורה און אויף דברי חז"ל.

און דער דרך פקודיך איז דאס מבאר, אז פונקט ווי ביי אנדערע איסורים און גזירות וסייגים וואס חכמינו ז"ל האבן אוועקגעשטעלט אין כל התורה כולה, וועט קיין שום איד נישט זאגן אז אויב ער וועט ממילא נישט צוקומען צו דעם איסור דארף ער נישט איינהאלטן דעם סייג, ווייל איינמאל דאס איז אן איסור, איז עס מחייב יעדן, אפגעזען צי ס'וועט אים שאטן אדער נישט. די זעלבע זאך איז מיט'ן איסור הסתכלות. אפילו אויב ס'איז אמת אז אים איז עס נישט נוגע, איז עס נאך אלץ אסור, און ס'איז נישט דא קיין שום היתר זיך מקיל צו זיין.[ב]

## שאדט דאס טאקע נישט?

אינ'אמת'ן, אבער, אז מ'קוקט אריין אין די ספרים הקדושים, זעט מען אז דאס אליין וואס דער מענטש שפירט אז ס'וועט אים נישט שאטן איז אויך נישט ריכטיג, נאר א פתח פונעם יצר הרע וואו אריינצושלעפן דעם מענטש. ווי דער הייליגער **חינוך** שמועסט דאס אויס מיט מורא'דיגע ווערטער:[ג]

שְׁמוֹר לִי וְאֶשְׁמוֹר לָךְ

# דער גאנצער פנים צושטאכן ל"ע, די 'אויגן' וואונדערליך געראטעוועט!

**שטארקע אויפוואכונג ביי פילע, הערענדיג דראמאטישע געשיכטע פון וואונדערליכע הצלה ווי אזוי ביי די שרעקליכע שטעכעריי אטאקע אין מאנסי, פארגאנגענעם יום ד' חיי שרה, זענען די "אויגן" פון דעם באטראפענעם געראטעוועט געווארן בדרך פלא, זייענדיג זוכה צו א שמירה מן השמים צוליב זיין קבלה אויף למעשה אין שמירת עינים**

**ליינט אין זייט 4**

עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן

# כלל ישראל באוויינט פלוצימ'ע פטירה פון פוסק מובהק הגאון רבי פסח אליהו פאַלק זצ"ל

**דער גרויסער גאון בעל "מחזה אליהו" פון גייטסהעד וואס האט באלאכטן די וועלט מיט זיינע בארימטע ספרים "לבושה של תורה" און "עוז והדר לבושה" בעניני צניעות, התרחקות מעריות, שמירת עינים, וואס כהיום הזה איז שוין געדריקט געווארן דערפון 120,000 ספרים אין עטליכע שפראכן!**

**מאמר מיוחד לזכרו - אי"ה אינעם קומענדיגן גליון**

## זכות הוצאות הגליון

נקנה לע"נ
הרה"ק ר' **אליעזר זוסיא** בן הרה"ק ר' **ישראל אברהם** זצוק"ל מסקולען

ולע"נ הרה"ק ר' **ישראל אברהם** בן הרה"ק ר' **אליעזר זוסיא** זצוק"ל מסקולען

## למען תספר:

### פאר וועמען שאטן ראיות אסורות?

ביים פירן טיש אין איינעם פון די חנוכה טעג שנת תשכ"ט, האט **הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זצ"ל** ארומגערעדט איבער דער וויכטיגקייט פון היטן די אויגן ווען מען גייט ארויס אינדרויסן.

בתוך הדברים האט ער פארציילט ווי פאלגנד: "אין די ערשטע יארן ווען איך בין געקומען אהער קיין אמעריקע, איך האב דעמאלטס געוואוינט אינעם וועסט-סייד אין מאנהעטן, פלעגט זיין איינער וועלכער איז כסדר געקומען צו אונז אין בית המדרש, און זיך צוגעהערט צו די מוסר שמועסן וואס איך האב געגעבן פאר די בחורים.

"דער איד האט געזען אז איך רעד אסאך צו די בחורים איבער דער וויכטיגקייט פון היטן די אויגן, ווי ווייט מ'דארף אכטונג געבן נישט נכשל צו ווערן ח"ו מיט דעם און ווי ווייט איין ראיה אסורה שאדט פאר דער נשמה. איז ער אמאל צוגעקומען צו מיר און מיר געזאגט אז ער זעט נישט ס'זאל זיין אזוי, והא ראיה, ער איז בכלל נישט נזהר אין שמירת עינים, און ער שפירט נישט אז דאס זאל אים עפעס שאטן און מאכן שוואכער.

"האב איך אים געענטפערט, אז דאס איז טאקע ריכטיג ביי איינעם וואס האט נאר א 'חוֹמֶר' אבער נישט די בחינה פון א 'צוּרָה', פאר אזא מענטש שאטן נישט קיין ראיות אסורות. פונקט ווי א שמאטע וועט נישט קאליע ווערן דורכ'ן ווערן פארשמירט מיט בלאטע, ווייל ס'איז נישט קיין חשוב'ע זאך. אבער ווען מען נעמט א שטיקל זייד און מ'מאכט דערמיט א ווערדפולן מלבוש, דער חוֹמֶר באקומט א חשוב'ע צוּרָה, דעמאלטס גיבט מען שוין זייער אכטונג ס'זאל נישט פארשמירט ווערן, ווייל אויב יא, פארלירט דאס די ווערד."

דער באבובער רבי האט אויך דערמאנט וואס דער בעל העקרים שרייבט, אז ווי באקאנט זענען דא אין דער בריאה פיר מדריגות: דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. און ווי א העכערע דרגה פון די פיר, אלץ מער פעלט זיך אויס מ'זאל זיך דערמיט אפגעבן כדי ס'זאל נישט קאליע ווערן. און אפילו ביי יעדער מדריגה זעלבסט איז דא א חוֹמֶר און א צוּרָה, און אסאך מאל איז דא עפעס וואס פאר'ן חוֹמֶר שאדט עס נישט אבער פאר דער צוּרָה יא.

לדוגמה, ווען איינער האט א שטיק האלץ, וואס האט נאר דעם חוֹמֶר פון האלץ אבער נישט קיין שום צוּרָה, ווערט עס נישט אזוי שנעל קאליע און מ'דארף נישט אזוי אכטונג געבן דערויף. אבער אויב וועט ער מאכן דערפון א כלי, קען עס שוין יא לייכטערהייט נפגם ווערן.

די זעלבע איז אויך ביי א מְדַבֵּר. ווען א מגושמ'דיגער מענטש עסט און טרינקט אויף א פראסטן אופן, אדער ווען ער זעט און הערט זאכן וואס מ'טאר נישט, שפירט ער נישט ווי ס'שאדט אים עפעס, ווייל ער איז נישט אויסגעאיידלט. אבער ווען איינער לערנט און ער האט יראת שמים און איז עוסק אין תיקון המדות, ווערט ער א מענטש מיט א צוּרָה, ער ווערט מער אן איידעלער סארט מענטש, און אים קען שאטן יעדע מינדעסטע זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן.

**שבח אהובים**, סיפורי באבוב, עמודים רנב-רנח, בשם הרה"ג ר' יוסף חיים לערנער שליט"א

א מענטש טאר זיך נישט אוועקרירן פון קיין שום סארט הרחקה אין עריות וואס חז"ל האבן אוועקגעשטעלט. און אפילו ער שפירט ביי זיך אז ער האט א קאלטע נאטור און ער ווערט נישט נתעורר דורכדעם, זאל ער נישט זאגן, 'וואס וועט שוין זיין אז איך וועל קוקן אויף נשים, איך וויים דאך אז ס'שאדט מיר גארנישט', ווייל אסאך האבן אזוי געזאגט און זענען למעשה נכשל געווארן.

אויף דעם זאגן חז"ל[ד] אז דער יצר הרע איז פון אנפאנג זייער שוואך, אבער אויב לאזט מען זיך פון אים דעמאלטס, שטארקט ער זיך צום סוף אויפ'ן מענטש. דעריבער, מיין זון, זאלסטו זיין זייער נזהר מיט דעם, און דו זאלסט דיך נישט לאזן איבערעדן פונעם יצר הרע, אפילו ער וועט דיר געבן דערויף טויזנט ערבים.

## אפילו א "קאלטע ראיה" ווערט טיף איינגעקריצט

נאכמער שרייבט דער הייליגער **רש"ב מליובאוויטש זצ"ל** מיט גאר פארכטיגע ווערטער, אז אפילו אויב אויף דער מינוט שפירט דער מענטש נישט ווי ס'האט אים געשאדט, ער מיינט אז ס'איז א "קאלטע ראיה", וועט דאס אבער זיכער ארויסקומען שפעטער. ווייל יעדע ראיה ווערט איינגעקריצט טיף אין זיין פנימיות, און שפעטער ווערט עס נתגלה אינדרויסן רח"ל:[ה]

ס'זענען דא מענטשן וואס זענען ווייט פון סיי וועלכער עבירה בפועל ח"ו, אבער ס'ציט זיי צו קוקן און זען וואס מ'טאר נישט, און זייער ראיה איז מיט א קאלטקייט, נישט שפירנדיג בשעת מעשה קיין שום התפעלות דערפון.

דער אמת איז אבער אז די סיבה פארוואס ס'ציט זיי צו קוקן איז, ווייל כאטש ער איז ווייט פון טון עבירות בפועל, אדרבה, בחיצוניות טוט ער נאר טוב, איז אבער זיין נפשיות'דיגער תענוג אינעווייניג איינגעזינקען און מקושר מיט רע רח"ל, און דעריבער ציט אים צו זען און קוקן דברים אסורים. און כאטש וואס בשעת מעשה איז דאס מיט א קאלטקייט, מאכט דאס אבער א שטארקן רושם אין זיין נפש. און סוף כל סוף וועט עס נישט אריבערגיין אן קיין שלעכטע התעוררות בהתגלות רח"ל, ווייל די ראיה וועט זיך צושפרייטן און ארויסברענגען אינדרויסן דעם רע וואס ליגט טיף אינעווייניג, השי"ת ישמרנו מכל רע.

דעריבער איז א חוב אויף יעדן מענטש זיך צו שטארקן און זיך מגדיר זיין מיט זיין ראיה, און אזוי וועט ער ניצול ווערן פון יעדן רע, און זיין עבודה וועט נתקבל ווערן לרצון, און ער וועט שטייגן מעלה מעלה ברוחניות.

## די איינרעדעניש פונעם יצר הרע

מיר ווייסן וואס די גמרא זאגט אז דער יצר הרע איז זיך מתחדש בכל יום מיט אלע סארטן אופנים. צומאל קען ער קומען צו א מענטש מיט א טענה, אז ס'וועט גאר זיין חשוב'ער ביים רבש"ע אויב וועט ער יא קוקן, וויבאלד ער קלערט ביי זיך אז ס'ברענגט אים נישט

### מקורות והוספות

**א]** עיין לקמן, וכן פסק **בחכמת אדם** סי' קכה ס"ג, וז"ל, "צריך האדם להתרחק מן הנשים מאד מאד וכו', ואסור להביט ביפיה אפילו אינו מהרהר"; ועי' עוד בהערה הבאה.

**ב]** זה לשונו בל"ת לה: "והנה ראיתי עוד רבים מהמתחסדים דאינם נזהרים באלה הענינים, בחושבם דלא איכפת להו, דדמיין באפייהו כי קאקי חיורי [פי' אווזים לבנים, והוא לשון הגמרא בברכות כ, א], כי חושבים לנפשם כי לבם חלל בקרבם. הנני אומר, לו יהיה כדבריהם אשר כבר הרגו ליצר הרע, מי יבוא להתיר את אשר אסרו חכמינו ז"ל, וכי יאמר האדם על איזה גזירה מגזירת חז"ל שגזרו לעשות סייג לתורה כיון שהוא יודע בעצמו שלא יעבור חוק התורה אין מן הצורך לו לשמר הסייג, חלילה לזרע ישורון לומר כן, רק כיון שנאסר מפי חז"ל הוא באיסורו, כמו חלב ועריות. על כן אין היתר בדבר, והמתיר לעצמו הוא בכלל העוברים על דת וכו', יהיה המתיר מי שיהיה".

ובפלא **יועץ** ערך ראיה כתב: "כמה רעות רבות ועבירות חמורות באות על ידי העינים, אם מסתכל בעריות והלב חומד ובא לידי עבירה או לידי הרהורי עבירה, גדול עונו, ואפילו אם לא בא לידי עבירה כלל ולא נסתכל בה אלא כדי להכירה, הראיה עצמה היא גופה עבירה ופוגמת בעיני נשמתו ובעינין עלאין".

וז"ל **הישמח משה** על ספר איוב ד"ה ברית כרתי: "ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה (איוב לא, א). הנה בלא הרהור הוי רק ראיה, והרהור הוי התבוננות. והכי פירושו, 'ברית כרתי', דהיינו ברית הקודש כרתי וקלקלתי, 'לעיני', רצה לומר על ידי עיני בלבד, היינו רק ראיה בלא הרהור. 'ומה', רצה לומר ומזה יש להבין ומה קלקול יכול להיות, אם 'אתבונן על בתולה', דהיינו בהרהור, והבן".

**ג]** זה לשונו במצוה קפח: "מכל מה שהזהירו זכרונם לברכה אין אדם רשאי לזוז ממוסרם הטוב, ואף על פי שהוא מוצא עצמו חשוך התאוה קצת, לא יאמר כיון שאני מוצא עצמי כן מה אכפת לי אם אסתכל בנשים, כי יודע אני בעצמי שלא יתעורר יצרי בכך, שהרבה אמרו כן ונכשלו. ועל זה רמזו זכרונם לברכה (סוכה נב, א) באמרם כי היצר בתחלה חלש מאד, והולך ומתחזק על האדם הרבה. ואתה בני הזהר על זה מאד ואל יבטיחך יצרך, ואם אלף ערבים יתן לך."

**ד]** סוכה נב, א: "יצר הרע בתחילה דומה לחוט של בוכיא [עכביש], ולבסוף דומה כעבותות של עגלה."

קיין התפעלות, און דאס וועט שאפן א גרעסערן נחת רוח פאר'ן רבש"ע, ווייל טראצדעם וואס ער זעט, גיבט ער זיך אכטונג נישט נתפעל צו ווערן אדער טראכטן וואס מ'טאר נישט. נישט קוקן, שפירט ער ביי זיך, דאס איז נישט קיין קונץ; ס'איז סאך א גרעסערער קונץ ווען איינער זעט יא און דאך מאכט עס נישט קיין רושם אויף אים.

איבער דעם יצר הרע וואס גנב'עט זיך אריין ביי אסאך מענטשן געפינען מיר אין **צל"ח** שטארקע ווערטער:[ו]

**איידער א מענטש פאלט אריין אינעם נעץ פונעם יצר הרע, האט דער יצה"ר נישט אזא שטארקע שליטה אים צו מאכן זינדיגן. דעריבער קומט ער צום אים מיט א תחבולה כאילו ער מיינט נאר זיין טובה, ער זאל באקומען מער שכר, זאגנדיג, "אויב וועסטו בכלל נישט קוקן, וועט דיין שכר נישט זיין אזוי גרויס אז דו זינדיגסט נישט. אויב אבער וועסטו יא קוקן און מיט דעם אלעם וועסטו דיך צוריקהאלטן פון מהרהר זיין צוליב מורא פונעם אויבערשטן, וועט דיין שכר זיין אסאך מער!"**

**דער אמת איז אבער אז דער יצר זוכט אים בלויז אריינצוכאפן, ווייל איינמאל דער מענטש קוקט וואו מ'טאר נישט, באקומט דער יצר הרע פון דא און ווייטער א שליטה איבער אים.**

# סך הכל להלכה

אין קורצן וואס מיר נעמען ארויס פון דעם אלעם (גליון מ"ה-מ"ו) אויף הלכה למעשה:

- **ס'איז אסור מן התורה פאר א מאן צו קוקן אויף פרעמדע פרויען, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". אפילו קוקן נאר אויפ'ן קליינעם פינגער איז אסור.**
- **דער איסור איז אפילו ווען זי איז געקליידעט גענצליך בצניעות, נאר אויב איז זי נישט צניעות'דיג אנגעטון, קומט צו אז אפילו בלויז א ראיה בעלמא לפי תומו איז אסור. אזוי אויך גייט דער איסור אן אפילו ביי די אייגענע קרובים.**
- **מיט יעדער ראיה וואס מ'קוקט ברצון איז מען עובר אויף דעם לאו, אפילו פאר גאר א קורצער צייט.**
- **ס'מאכט נישט אויס כלפי דעם איסור דאס וואס ער קלערט ביי זיך אז ס'וועט אים נישט שאטן. און אדרבה, די ראשונים און שפעטערדיגע ספרי קודש שמועסן אויס אז דאס וואס ער טראכט אז ס'וועט אים נישט שאטן איז בלויז א דמיון און א מעשה יצר, ווייל באמת קלעבט זיך די ראיה אן טיף אינעווייניג אינעם נפש פונעם מענטש, און סוף כל סוף וועט אים עס שאטן.אויב זעט מען בטעות, האט מען נישט עובר געווען צוליב דעם, אבער מ'איז מחויב אוועקצוקוקן תיכף ומיד.**

פארשטייט זיך אז ס'זענען דא אין דעם אלעם אסאך פרטי הלכה וואס ווערן אויסגעשמועסט אין די פוסקים. וואס ס'איז אבער וויכטיג צו וויסן און געדענקען איז, אז שמירת עינים איז א הלכה מפורשת, און דאס דארף מען לערנען פונקט ווי אלע אנדערע הלכות, און א שאלה ביי דעם איז גארנישט אנדערש ווי א שאלה אין סיי וועלכער אנדערער מקצוע, וואס מ'דארף פרעגן ביי א מורה הוראה.

- המשך המאמר בגליון הבא אי"ה -

### מקורות והוספות

**ה]** זה לשונו **בקונטרס העבודה** פ"ב: "ישנם בני אדם אשר רחוקים המה מאיזה דבר רע בפועל ח"ו, אבל לבם מושך אותם לראות ולהביט, וההבטה הוא כמו בקר רוח, ואינו מרגיש בעצמו בעת מעשה איזה התפעלות. ובאמת סיבת המשיכה הוא מפני שתענוג נפשו בעצם הוא מקושר בזה, שיכול להיות דבכוחות הגלוים הוא בעסק התורה ועבודה, ועצם נפשו היא בתוך הקליפות והסטרא אחרא כו'. כן הוא הדבר הזה, שגם שהוא רחוק מרע בפועל ממש, ואדרבא הוא עושה טוב בכוחותיו הגלוים, מכל מקום עצם תענוג נפשו הוא משוקע ומקושר בענין רע רחמנא ליצלן, וזאת הוא סיבת המשיכה אל ההבטה וההסתכלות. וההבטה עם היותו בקר רוח לכאורה, הנה הוא עושה רושם וחקיקה גדולה בנפש, ולא תעבור בלי התעוררות רע בהתגלות רחמנא ליצלן, והיא מתפשטת ומוציאה להתגלות עומק הרע רחמנא ליצלן, והשי"ת ישמרנו מכל רע. והחובה היא על כל אדם להתגבר על עצמו ולהגדיר את עצמו בחוש הראיה, ובזה יציל את נפשו מן הרע, ואז תהיה עבודתו רצויה, ויפעול ישועות בנפשו ויעלה מעלה וכו'".

**ז]** זה לשונו בברכות ה, א: "קודם שנלכד האדם ברשתו של היצה"ר, אין ליצה"ר כל כך שליטה להחטיאו, וערום יערום (פי' היצר מתחכם עליו) שבא לטובתו לזכותו להרבות שכרו, כי אם לא יסתכל בערוה כלל אין שכרו מרובה מה שאינו חוטא, אבל אם יראנה ויסתכל ביפיה ואפילו הכי ימנע מלהרהר בה בעבור יראת חטא, אז שכרו מרובה. וכן אומר לו היצר, הסתכל בערוה וכוף ליצרך ותקבל שכר, ועושה עצמו כאילו אינו יצר הרע, רק גם הוא מצד היצר טוב ובא לעשות לו טובה. ובאמת הוא רוצה להאבידו, צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, ועל ידי ההסתכלות כבר יש לו שליטה בו".


## קויפט זכותים!

יעצט אין די ימי השובבי"ם

**זכות הוצאות הגליון**
$1,200

~

**זכות הפצת הגליון**
$1,200

~

**זכות 5,000 גליונות** - $500

~

**זכות 4,000 גליונות** - $400
**זכות 3,000 גליונות** - $300
**זכות 2,000 גליונות** - $200
**זכות 1,000 גליונות** - $100

~

מיט דעם העלפט איר פארשפרייטן ביי כלל ישראל העכער **50,000 גליונות** אויף שמירת עינים!

צו מנדב זיין רופט "הוצאות טהור עינים"

**802.327.3592**


## למען תספר:

## אז ס'שאדט נישט, איז א סימן אז עפעס טויג נישט...

אמאל איז א חתן אין דער מירער ישיבה געקומען צום משגיח **הגאון רבי יחזקאל לעווינשטיין**, און אים אנגעפרעגט, היות ער איז א חתן געווארן, וויל ער וויסן וואס דער משגיח האלט בנוגע זיך טרעפן מיט דער כלה, וויבאלד ער שפירט אז ס'וועט אים בכלל נישט שאטן.

הערנדיג דאס, האט רבי יחזקאל זיך אנגערופן, "אזוי? גיב מיר דיין מחותנ'ס טעלעפאן נומער, איך מוז מיט אים רעדן."

"צי וואס זוכט דער משגיח צו רעדן מיט מיין מחותן?" האט זיך דער בחור געוואונדערט.

האט אים רבי יחזקאל ערקלערט: "איידער דו ביזט א חתן געווארן, האט זיך דיין מחותן פארבונדן מיט מיר און זיך שטארק נאכגעפרעגט איבער דיר. איך האב אים געענטפערט כפי מיטב ידיעתי, אבער וואס איך האב נישט געוואוסט איז אז דו ביזט ל"ע נישט געזונט. וויל איך אים אנרופן דאס צו מודיע זיין..."

**בקודש חזיתיך** עמ' קפ"ב

## שְׁמוֹר לִי וְאֶשְׁמוֹר לָךְ

המשך פון זייט 4

"איך בין נישט אין הימל און איך קען נישט די הימלישע חשבונות, אבער איך בין זיכער אז אדאנק די שמירה ברוחניות וואס די אויגן האבן שוין פון פריער געהאט, האבן די אויגן אויך זוכה געווען צו א ספעציעלע שמירה מן השמים בגשמיות, להנצל מכל פגע ומכשול. און ווער ווייסט צו נישט די ברילן זעלבסט וואס איך האב דאן אנגעהאט בשעת מעשה איז גאר געווען דער מיטל צו באשיצן מיינע אויגן!

ביז אהער וואס הר"ר מרדכי שליט"א דערציילט, וואס יעדער וואס הערט דאס ווערט טיף באאיינדרוקט. מ'זעט קלאר דעם מדה כנגד מדה, און א איד וואס מאכט זיך דעם ריכטיגן גדר פאר שמירת עינים, ווערט באגלייט מיט א שמירה עליונה, און דאס איז א זאך וואס דארף ברענגן א מוסר השכל פאר יעדן איד עקסטער.

*

דער הייליער **תפארת שלמה זי"ע** טייטשט דעם פסוק **"שמור לי ואשמור לך"**, דער רבש"ע זאגט פאר א איד **"שמור לי"**, די הוט אפ דיינע אויגן פאר מיר, **"ואשמור לך"**, דאן וועל איך דיר אפהיטן פון אלעם שלעכטס. דאס איז אן הבטחה פונעם הייליגן באשעפער מדה כנגד מדה, אז אויב א איד היט זיך זיינע אויגן איז ער זוכה צו ווערן אפגעהיטן פונעם הייליגן באשעפער אליינס.

און דער תפארת שלמה שרייבט א מורא'דיגע לשון (מאמרי שבת ד"ה מעין עולם הבא) **"כמו שהאדם שומר את עינו כן הקדוש ברוך הוא שומרו ומצילו... על ידי ששומרים את עיניהם ישכנו בטח בשמירה מעולה"**.

## מכתבים למערכת:
לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג
איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

דורך. איז וויכטיג צו געדענקען אז יעדע מניעה איז מורא'דיג חשוב און ברענגט נענטער צום תכלית.

(-)

### ווילאנג שמירת עינים איז נאכנישט קיין הרגל

איך וויל צולייגן א נקודה צום מאמר **"הרגל נעשה טבע"** (חנוכה) וואס איר האט געשריבן, וואו איר האט גאר שיין ארויסגעברענגט אז ווען מ'געוואוינט זיך צו, ווערט שמירת עינים אן איינגעבויטע נאטור און ס'איז אסאך גרינגער זיך אכטונג צו געבן.

ס'וואלט גוט געווען צוצוענדיגן, אז הגם א מענטש דארף טאקע ארבעטן אז שמירת עינים זאל ווערן זיין הרגל, אבער ביז דערוויל, ווילאנג ס'איז נאכנישט זיין נאטור זיך איינצוהאלטן די אויגן און ער דארף זיך כסדר שלאגן, איז יעדע קליינע מניעה וואס ער קוקט נישט מורא'דיג חשוב אין הימל. אין א געוויסן זין איז דאס נאך גרעסערער ווי איינעם וואס איז שוין מורגל, וויבאלד זיין נסיון און התגברות היצר איז אסאך מער.

דאס דארף מען נעמען אלס א חיזוק, היות אסאך שפירן אז זיי האלטן נאך גאר ווייט פון וואו מ'דארף באמת זיין, און לב יודע מרת נפשו וויפיל מאל מ'פאלט

### נישט געפארן צום ים ברעג

עס דערציילט אן אייניקל פונעם גרויסן גאון **רבי ברוך בער לעבאוויץ פון קאמעניץ זצ"ל**, אז אמאל האט רבי ברוך בער געליטן פון א שווערן קאפוויי, און די דאקטוירים האבן אים געראטן ער זאל גיין צו א ים ברעג וואו ס'זענען דא גרויסע כוואליעס, און דאס וועט אים זיין א רפואה.

היות אין ליטא איז נישט דא קיין ים וואו ער האט געקענט גיין, האט ער צו דעם צוועק געדארפט רייזן צו אן אנדערער מדינה. מ'האט אים מסדר געווען א פאספארט ארויסצופארן פון לאנד, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף'ן וועג אין דער באגלייטונג פון זיין איידעם רבי יצחק טורעץ ז"ל.

אביסל פאר מ'איז אנגעקומען אהין האט מען געזאגט פאר רבי ברוך בער אז ביי דעם בארטן איז געווענליך נישט דא קיין תערובות, וויבאלד די ארטיגע גלחים געבן אכטונג אויף דעם, אבער פון מאל צו מאל קען זיך מאכן אז פרויען זאלן אהין אנקומען.

הערנדיג דאס, האט ער זיך אנגערופן, **"מ'דרייט זיך צוריק אהיים!"**

טראץ אלע טירחות און טלטול הדרך און טראץ וואס ער האט עס געדארפט אלס א רפואה, איז אים געווען א דבר פשוט אז מ'טאר נישט אהינגיין, אפילו בלויז אויף א ספק אז אפשר וועט א פרוי אנקומען.

**קובץ ישורון** חלק ל"ה דף קצג (מובא ע"י הרה"ג ר' יונתן בנימין בוכינגער שליט"א, קרית יואל)

שְׁמוֹר לִי וְאֶשְׁמוֹר לָךְ

# דער גאנצער פנים צושטאכן ל"ע, די 'אויגן' וואונדערליך געראטעוועט!

כלל ישראל איז נאך אונטערן טיפן שאק פון די שוידערליכע געשעעניש וואס האט זיך אפגעשפילט מיט עטליכע וואכן צוריק אין מאנסי מיט דעם חשוב'ן מרביץ תורה **הרה"ג ר' מרדכי שלעזינגער שליט"א**, ווען ידי עשיו שלטו בו, און בקדרותא דצפרא איז ער ל"ע איבערגעפאלן געווארן אויף א שרעקליכן פארנעם, ווערנדיג צושטאכן און צו'מזיק'ט מיט גרויס באכזריות. בחסדי שמים מרובים האט ער זוכה געווען צו שמירה מן השמים, און מיט גרויסע נסים איז הר"ר מרדכי ניצול געווארן. טראץ וואס דער רוצח האט פרובירט דאס זייניגע איז אבער ר' מרדכי געראטעוועט געווארן בדרך נס, און אידן נעמען אויף מיט דערלייכטערונג די בשורה, אז נאך א פאמעלעכע ערהוילונג, קומט ער ב"ה צו די כוחות, ועל משענתו יקום והתהלך בחוץ, וכן יעזור ה' הלאה אז ער זאל גענצליך צוריקקומען צו די כוחות, צו קענען פארזעצן מיט זיין עבודת הקודש מתוך בריית גופא ונהורא מעליא.

אבער יעצט לאחר המעשה, ווען מען כאפט א בליק אויף צוריק, שטעלט זיך ארויס די הפלא'דיגע אנטוויקלונג וואס דינט אלס א וואונק פון הימל, זיך מחזק צו זיין מיט גדרים וסייגים אין שמירת עינים, וואס ווי באקאנט שרייבן די ספרים הקודשים אז דאס ברענגט אויף א מענטש א געוואלדיגע שמירה, און איז א סגולה צו ווערן באהיטן פון אלעם שלעכטס.

פאלגענד ברענגען מיר וואס ר' מרדכי זעלבסט דערציילט אונז מיט די פונקטליכע דעטאלן:

"ס'איז געווען א שטיק צייט ווען אנשטאט צו גיין מיט "ברילן" (גלעזער) אויף די אויגן, האב איך אנגעהויבן אנצוטון "לענסעס" אין די אויגן, וואס איז מיר געווען לייכטער און באקוועמער אויף פארשידענע אופנים.

"אבער מיט די צייט האב איך אויפגעפאסט אז ס'איז מער אויסגעהאלטן צו גיין מיט ברילן. וויל צומאל ווען מ'קומט אן אויף א פלאץ וואו מ'קען ח"ו נכשל ווערן אין שמירת עינים, אויב גייט מען מיט ברילן קען מען מקיים זיין דעם 'עוצם עיניו מראות ברע' דורך'ן אראפנעמען די ברילן פון די אויגן, און אזוי גיין ווייטער מיט א מינימאלן זעה-קראפט. אבער אויב גייט מען מיט לענסעס, איז דאס שווער אויסצוטון סיי-וואו אימער. איך האב דעריבער צוריק-געטוישט און ווייטער געגאנגען מיט ברילן אנשטאט מיט לענסעס, אזוי צו קענען זיין מער אפגעהיטן אין די האקעלע חששות פון שמירת עינים.

"אינצווישן האט ל"ע פאסירט די שרעקליכע מעשה, ווען איך בין ליידער אזוי ווילד איבערגעפאלן געווארן דורך דעם רוצח וואס ס'איז מאמענטאל מיר נאך שווער צו רעדן און טראכטן פון וואס עס וואלט ל"ע געקענט פאסירן. אבער דער רוצח האט ל"ע געצילט אסאך האקעלע מקומות אויף מיין גאנצן קערפער, אריינגערעכנט מיין גאנצער קאפ, און טוענדיג זיין ארבעט אן קיין חשבון, זענען אסאך ערטער שטארק געשעדיגט געווארן ר"ל. מ'האט דערנאך שטארק געדארפט ארבעטן דאס צו ראטעווען געהעריג.

"איין האקעלער גליד איז אבער געווען, וואס איז וואונדערליך געראטעוועט געווארן, דאס זענען די "אויגן" וואס איז ב"ה געבליבן גאנץ, ווערענדיג באשיצט דורך א שמירה עליונה מן השמים. און כאטש וואס ער האט יא מצליח געווען מיר צו שעדיגן ממש נעבן איין אויג, איז אבער ביידע אויגן געראטעוועט געווארן בדרך נס.

המשך אויף זייט 3

על הטוב יזכר

מוה"ר **כל הנדבנים החשובים** הי"ו
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
**ובס"ה קנו זכות האדור של 14,000 גליונות**

~

**זכות 4,000 גליונות**
נקנה לע"נ **רבקה חי' רוזא בת ר' שמעון** ע"ה - י"ג שבט

~

**זכות 3,000 גליונות**
נקנה לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרובניץ** זי"ע

~

**ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:**

הרה"ח **שמואל זאנוויל כהנא** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**

~

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**

~

מוה"ר **יוסף משה גלאנץ** הי"ו
**לרגל נשואי בתו למז"ט**

~

מוה"ר **אהרן מייער** הי"ו
**לברכה והצלחה לו ולמשפחתו**

~

מוה"ר **יואל שווימער** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**

~

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עינים**

הוצאות
**טהור עינים**
Cong Tahor Eineyim | 802.327.3592

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950

**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

**צו העלפן אויסטיילן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת**

**על הטוב יזכר**
**הנדבנים החשובים שנדבו הפצת הגליונות לחצי שנה בעיר מאנטריאל**

**זכות 8,000 גליונות**
נקנה ע"י הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו - להצלחת בניו וכל משפחתו בתורה ויראת שמים

~

**זכות 4,000 גליונות**
לע"נ הר"ר אברהם בן צבי ע"ה - י"א שבט

השי"ת יעזור שהזכות של זיכוי הרבים יעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי. חיי ארוכי. ומזוני רויחי. וסייעתא דשמיא